**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/5/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער HOCHUL האט געמאלדן די אנפאנג פון נייע 25 מיליאןביימער איניציאטיוו 'בוים טרעקער'

***ניו יארקערס ווערן געמוטיגט צו רעקארדירן בוים פלאנצונגען צוצוגעבן צו סטעיטברייטע דויערהאפטיגקייט און ווידערוואלדונג צילן***

***יעדע איינגעפלאנצטע בוים געבט צו צו סטעיט ציל פון 25 מיליאן בוימער ביז 2033***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן די אנפאנג פון א נייע וועבזייטל און אינטעראקטיווע טרעקינד געצייג צו העלפן דאקומענטירן פארשריט צו ניו יארק סטעיט'ס ציל צו פלאנצן 25 מיליאן ביימער ביז 2033. אפגעהאלטן דורך די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו ענווייראמענטאלע קאנזערוואציע (New York State Department of Environmental Conservation ) און אנטוויקלט אין צוזאמענארבעט מיט די אפיס פון אינפארמאציע טעכנאלאגיע סערוויסעס ( Office of Information Technology Services), דדי וועבזייטל און בוים טרעקער ערלויבט סטעיט אגענטורן, ארגאניזאציעס, פריוואטע איינהייטן און איינצלנע מענטשן צו לאזן וויסן די לאקאציע און צאל פון ביימער איינגעפלאנצט אין די טרעקינג געצייג, מעסטנדיג פארשריט אין די סטעיטברייטע באמיאונג.

"ניו יארק נעמט שטארקע שריט צו באשיצן אונזער אומגעבונג און שטערקערן קאמיוניטי'ס מעגליכקייט בייצושטיין שווערע וועטערן," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "אונזער פארשיט צו די 25 מיליאן ביימער ציל איז א באווייז צו די כח פון קאמיוניטי-געפירטע שריט, און די נייע בוים טרעקער וועט פארלייכטערן פאר ניו יארקערס נאכצוקוקן אונזער פארשריט, מיטטיילן אפדעיטס און צוגעבן צו א געזונטערע אומגעבונג פארן צוקונפט."

ביימער איינגעפלאנצט אין 2024 און ווייטער ציילן זיך מיט פארן סטעיטברייטע טאטאל. יעדע ענטרי רעקארדירט די נומער און לאקאציעס פון איינגעפלאנצטע ביימער. ענטריס קענען אויך אריינגעמען נאך אינפארמאציע אזוויי פלאנצונג דאטום(ס), סארט בוים און די מאס פונעם בוים. די וועבזייטל ווייזט אן אינטעראקטיווע מאפע פון פלאנצונג פראיעקטן לענגאויס ניו יארק סטעיט, און רעכנט צאם ביימער איינגעפלאנצט דורכן ראיאן, קאונטי און מוניציפעלטי פאר באזוכער נאכצוקוקן פלאנצונג לענגאויס די סטעיט ווען די איניציאטיוו פראגרעסירט צו די 25 מיליאן ביימער ציל.

אין צוגאב צו פארבינדן די [בוים טרעקער](), שטעלט די [25 מיליאן ביימער וועבזייטל]() צו אינפארמאציע איבער וויאזוי צו פלאנצן ביימער, וויאזוי זיך אפצוגעבן מיט זיי צו העלפן זיי זאלן נישט פארוועלקט ווערן, און וואו צו גיין פאר נאך טעכנישע הילף.

**דעפארטמענט אוו ענווייראמענטאלע קאנזערוואציע צייטווייליגע קאמישענער Sean Mahar (שאן מאהאר) האט געזאגט,** "ארבעטנדיג מיט די ניו יארקערס וואס מיר סערווירן, די 25 מיליאן ביימער ציל

העלפט אדרעסירן אונזער אנהאלטנדע באמיאונגען צו באשיצן קאמיוניטיס און נאטורליכע קוועלער לענגאויס די סטעיט. יעדע בוים וואס ווערט איינגעפלאנצט איז א שריט נענטער צו א געזונטערע, גרינער ניו יארק. די בוים טרעקער וועט שטערקערן ניו יארקערס צו מיטטיילן זייערע מעשיות מיט אונז אלס פארטנערס אין די היסטארישע באמיאונג, וואס וועט האבן אן אנהאלטנדע ווירקונג אויף די אומגעבונג."

**די נאטור קאנזערוועגסי'ס ניו יארק עקזעקיוטיווע דירעקטאר Bill Ulfelder (ביל אולפעלדער) האט געזאגט,** "די נאטור קאנזערוועגסי (Nature Conservancy) איז צופרידן צוז ען ניו יארק סטעיט אויפדעקן נייע געצייג צו דאקומענטירן פארשריט צו ניו יארק'ס ציל צו פלאנצן 25 מיליאן ביימער ביז 2033. דערגרייכן דעם ציל וועט העלפן ניו יארק דערגרייכן איר קארבאן רעדוצירונג צילן בשעת'ן באשיצן ריינע טרינק וואסער, צוריקשטעלן ווילדלייף האביטאט, און רעדוצירן די ריזיקעס פון עקסטרעמע היץ-כוואליעס, וואס קען זיין פאטאל אין געגנטער אן ביימער."

גאווארנער Hochul (האקול) האט אנגעפאנגען די 25 מיליאן ביימער איניציאטיוו אין איר 2024 סטעיט אוו די סטעיט אדרעס, צוטיילנדיג 32 מיליאן דאלאר אין ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דשאב ענווייראמענטאלע בונד אקט פאנדס צו מאדערניזירן די סטעיט'ס בוים נורסעסרי און נוצן טעכנאלאגיע צו טרעקן וואלדונג באמיאונגען אין ניו יארק און 15 מיליאן דאלאר אין די עקזעקיוטיווע בודשעט צו שטיצן שטארקע ווידער וואלדונג פראיעקטן. די איניציאטיוו פארשטערקערט סטעיטברייטע בוים פלאנצונג באמיאונגען, שיקנדיג אן אומפארמיידבארע מארקעט סיגנאל צו פריוואטע נורסעריס, און וואקסנדיג די סטעיט'ס וויכטיגע וואלד פראדוקטן אינדוסטרי. די איניציאטיוו ברענגט פאראויס די קלימאט גלייכקייט און ווידער וואלדונג צילן אויסגערעכנט אין ניו אירק'ס קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט און געבט צו צו ניו יארק'ס ברייטערע באמיאונגען צו רעדוצירן די פארפעסטיגונג וואס געבט צו צו קלימאט טויש.

די 25 מיליאן ביימער איניציאטיוו באצייכנט אויך פינאנצירונג געלעגנהייטן צו שאפן נייע וועלדער און ווידער וואלדונג פראיעקטן אין ניו יארק סטעיט. פריוואטע לאנד אייגנטומער האבן געהאט צוטריט צו $4.5 מיליאן פאר פראיעקטן צו פארברייטערן און באנייען וועלדער לענגאויס די אוועקשטעלן גרויסע וועלדער (Establishing Large Forests, ELF) גרענט פראגראם, און $15 מיליאן איז יעצט אוועילעבל פאר מיוניציפאליטעטן, נישט-פאר-פראפיט, און סטעיט אגענטורן צו שאפן וואלד נאטורליכע געגנטער צו סערווירן אורבן קאמיוניטיס דורכאויס די קאמיוניטי ווידער וואלדונג (Community Reforestation, CoRe) גרענט פראגראם ביז מערץ, 12, 2025.

ניו יארק'ס 25 מיליאן ביימער איניציאטיוו געבט אויך צו אין טייל צו די גרעיט לעיקס סט. לאורענס גאווערנערס און פרעמיערס' רוף צו איינפלאנצן 250 מיליאן ביימער ארום די גרעיט לעיקס ראיאן ביז 2033.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן